פנחס תשפ"ו
גליון 289

# דעם רבינ'ס לייכט



אַייֶערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## וָוער ווִיל זַיין אַ קַנָּאִי?!

מִיר לֶערְנֶען דִי וָואךְ וֶועגְן פִּנְחָס וָואס הָאט מְקַנֵּא גֶעוֶוען קִנְאַת ה', דָאס מֵיינְט עֶר הָאט גֶעטוּן אַן אַקְט וָואס קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט הֵייסְן טוּן, אוּן עֶר מִיט זַיין גְרוֹיס קְדוּשָּׁה אִיז עֶר אַרַיינְגֶעטַאנְצְן אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גוּטֶע מַתָּנוֹת, אַ פַּרְשָׁה אִין דִי תּוֹרָה, אוּן פִּנְחָס אִיז אֵלִיָּהוּ וָואס אִיז אַרוֹיף לֶעבֶּעדִיג אִין הִימְל.

נָא, אַ שֵׁיינֶע פַּרְשָׁה, וָואס לֶערְנֶען מִיר יֶעדֶער בַּאזוּנְדֶער אַרוֹיס פוּן דֶעם, ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר נָאכְמַאכְן פִּנְחָס אוּן אוֹיךְ זַיין אֱמֶת'ע קַנָּאִים?!

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לקוטי מוהר"ן ס"ה תנינא): "כְּשֶׁמְּקַנְּאִין קִנְאַת ה', נֶחְשָׁב כְּמוֹ צְדָקָה" וֶוען מֶען טוּט קַנָּאוּת פַּארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט עֶס פַאררֶעכְנְט ווִי צְדָקָה. וֶוען אַ אִיד גִיבְּט צְדָקָה נִישְׁט פַאר זַיין כָּבוֹד אוּן נִישְׁט ווַייל עֶר אִיז בְּטֶבַע אַזַא סָארְט מֶענְטְשׁ וָואס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אַלֶעמֶען, נָאר עֶר טֵיילְט אַוֶועק צְדָקָה ווַייל אַזוֹי הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאפוֹילְן, בִּפְרַט אוֹיב עֶר שֶׁענְקְט דִי צְדָקָה פַאר אֱמֶת'דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶר שְׁטְרֶעֶנְגְט זִיךְ אָן מֶער ווִיפִיל עֶר קֶען גֶעבְּן, דָאס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן אַ קַנָּאִי!!

יָא, אַ נַייעֶר סָארְט קַנָּאִי! אַזוֹי רוּפְט אִים ר' נָתָן אָן אִין סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, (ברכת השחר ה' אות צ"ד).

וָואס זָאל טוּן אַ אִינְגְל וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין טַייסְטֶער מִיט גֶעלְט? ווִיאַזוֹי קֶען עֶר זַיין אַ קַנָּאִי אַזוֹי ווִי פִּנְחָס?!

דֶער תֵּירוּץ אִיז, אַז אַ אִינְגְל קֶען דָאס טוּן אוֹיב עֶר זֶעט אַז סְ'אִיז דָא אֱזֶעלְכֶע סָארְט זַאכְן וָואס קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט טוּן, לְמָשָׁל: צַאמֶנְעמֶען דִי קִדּוּשׁ לְבָנָה צֶעטְלֶעך פוּן אַלֶע טַאטֶעס פַארְן טַאנְצְן טוֹבִים מְאוֹרוֹת, אָדֶער ווִי כְ'הָאבּ אֵיינְמָאל גֶעזֶען אַ אִיד וָואס הָאט בַּיי זִיךְ אִין טַאשׁ קְלֶעבּ אוּן וֶוען עֶר זֶעט אַ רִיס אִין אַ סִדּוּר א.ד.ג קְלֶעבְּט עֶר דָאס צוּ, אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ דִי סְפָרִים אִין שׁוּל הַאלְטְן פַאר נָאךְ צֶען יָאר לֶענְגֶער. אַזַא סָארְט מִצְוָה קֶען אַ אִינְגְל אוֹיךְ טוּן אוּן עֶס קָאסְט נָאר אַפָּאר פִּיאַסְטֶער, זַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן אִים גֶערְן שֶׁענְקֶען דִי פָּאר שְׁקָלִים אָדֶער סֶענְט.

ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר אַז וֶוער אֵיינֶער טוּט אַ מִצְוָה וָואס הַאלְט זִיךְ פַאר זַייעֶר לַאנְג, לְמָשָׁל עֶר קוּמְט אִין אַ שְׁטָאט וואו סְ'אִיז נִישְׁטָא קֵיין מִקְוֶה אָדֶער אַ שׁוּל אוּן דֶער אִיד טַאנְצְט אַרַיין אוּן נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער בִּזְיוֹנוֹת אוּן טִרְחָה צוּ בּוֹיעֶן אַזַא זַאךְ וָואס וֶועט זַיין אַ קִיּוּם פַאר אֵייבִּיג, דָאס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן אַ קַנָּאִי, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶר זָאל דָאס מֵיינֶען לְשֵׁם שָׁמַיִם פַארְן רֶעכְטְן אֱמֶת, אוּן נִישְׁט זוֹכְן זַיין אֵייגֶענֶעם כָּבוֹד.

דִי זְמִירוֹת'לֶעך נָאכְן זִינְגֶען, סַיי אִין שְׁטוּבּ אוּן אוֹיךְ אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוֹיבּ מֶען וֶועט דָאס נִישְׁט שֵׁיין אָפְּרֵיינִיגְן אוּן אַוֶועקלֶייגְן וואוּ עֶס בַּאלַאנְגְט קֶען עֶס חָרוּב גֵיין אֵיינְס-צְוֵויי, קוּמְט אַ אִינְגְל אַ קַנָּאִי אוּן גִיבְּט זִיךְ אָפּ מִיט דֶעם לְשֵׁם שָׁמַיִם. אָדֶער גֵיין מִיט דִי צְדָקָה פִּישְׁקֶע פוּן דִי שׁוּל אָדֶער צְדָקָה פַאר אַנְדֶערֶע צְוֶועקְן. עֶרֶב שַׁבָּת אִין דִי בִּנְיָנִים קֶען מֶען אַרוּמְגֵיין מִיט רְשׁוּת פוּן דִי עֶלְטֶערְן מִיט אַ פִּישְׁקֶע אוּן זַאמְלֶען צְדָקָה פַארְן רֶבִּי'נְס זַאךְ, אָדֶער פַארְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה / סִפְרֵי רַבֵּינוּ, א.ד.ג. לֵייגְן אֵיין גִלְיוֹן פוּן רֶבִּי'נְס זַאךְ אִין אַ שׁוּל וואוּ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען הוּנְגֶערִיג צוּ טוֹעֵם זַיין פוּן רֶבִּי'נְס זִיסֶער קְוָואל, אַזוֹי עֶר גֶעטוּן אַ מִצְוָה וָואס וֶוינִיג ווִילְן עֶס טוּן אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת הָרַבִּים.

נתנדב לעילוי נשמת ר' משה בן ר' ירוחם שמחה לייב, לזכות שנזכה בקרוב להוציא לאור ספרו הק' פניני נצח, שו"ת על ליקוטי מוהר"ן

עֶס אִיז זִיכֶער דָא הוּנְדֶערְטֶער אַזֶעלְכֶע דֻגְמָאוֹת, קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר שְׁעפֶּעְרִיש אוּן קֶענֶען אוֹיסְטְרֶעפְן זַאכְן וָואס קֵיינֶעם פַאלְט נִישְׁט בַּיי, סְ'אִיז גוּט אוֹיסְצוּנוּצְן אַזֶעלְכֶע סָארְט גֶעדַאנְקְן לְשֵׁם שָׁמַיִם אוּן אוֹיפְטוּן אַ גֶעוַואלְד, אֲפִילוּ מִיט זַאכְן וָואס קוּקְט אוֹיס גָאר קְלֵיין, אָבֶער מִיט דִי יָארְן זֶעט מֶען וִוי עֶס זַאמְלֶען זִיךְ אָן בֶּערְג מִיט קְנָאוֹת'דִיגֶע פְּעֻלּוֹת, גוּטֶע טַאטְן וָואס אִיז אֵין לְשַׁעֵר דִי זְכוּתִים לְדוֹרוֹת וָואס סְ'קוּמְט אַרוֹיס דֶערְפוּן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ בְּחִינָה פוּן קִנְאַת ה', וַוייל צְדָקָה הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער כֹּחַ צוּרִיקְצוּקֶערְן אַלֶע אִידְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶס אִיז מְבַטֵּל אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע דֵעוֹת פוּן דִי אֶפִּיקוֹרְסִים אוּן עֶס בְּרֶענְגְט צוּרִיק אִין דֶער וֶועלְט דֶעם אֱמֶתְ'ן רָצוֹן אַזָא אַלֶע בְּרוּאִים זָאלְן נָאר וֶועלְן דִינֶעם דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

מֶען זֶעט טַאקֶע אַז פִּנְחָס הָאט גֶעמַאכְט דֶעם גְרוֹיסְן פִּדְיוֹן – צְדָקָה אוּן מַכְנִיעַ גֶעוֶוען דֶעם מֵצַח הַנָּחָשׁ דֶער בִּלְעָם וָואס שְׁרַייט אוֹיס 'שְׁמָד', - שְׁמָד מֵיינְט אַז דִי וֶועלְט וֶוערְט חַס וְחָלִילָה גֶעפִירְט דוּרְךְ דִי טֶבַע.

דוּרְךְ פִּנְחָס וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין עֶס זָאל שׁוֹין גֶעהֶערְט וֶוערְן דֶער קוֹל דֶער רוּף פוּן דִי יָמִים טוֹבִים וָואס מִיר לֵיינֶען דִי וָואךְ דִי קָרְבָּנוֹת פוּן אַלֶע יָמִים טוֹבִים, זֵיי שְׁרַייעֶן אוֹיס אַז אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַלֶעס אִיז נָאר פוּן רָצוֹן הָעֶלְיוֹן, דִי אַלֶע אֱמֶתְ'ע צְדָקוֹת וָואס מִיר וֶועלְן זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען וֶועט בְּעֶזְר הַשֵּׁם אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן בְּכֹחַ הַצַדִּיק אוּן מְהַפֵּךְ פוּן שְׁמָד צוּ רָצוֹן בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן בּוֹיעֶן דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.




## ראש השנה תקס"ה

מיט טרעטן אצינד אריין אין די דריטע יאר פון רבי נתנ'ס התקרבות. א דריטע ראש השנה ביים רבינ'ס קיבוץ. א זכי' וואס רבי נתן האט געוואוסט צו שעצן. יענעם יאר איז ראש השנה איוסגעקומען דאנערשטאג און פרייטאג – דריי טעג יום טוב, א שבת צו מוסיף זיין צום רבי'נס הייליגן ראש השנה.

ווי זיין סדר, פלעגט דער רבי אנהייבן צו זאגן תורה

**ביי די שקיעה פון ערשטן טאג און אריינציען צום מיטל־נאכט, דערנאך האט מען געדאווענט מעריב פון צווייטן נאכט יום טוב. יענעם יאר, האט דער רבי געזאגט גאר א הויכע תורה. רי נתן באשרייבט ווי אזוי די פארכטיגע תורה איז געזאגט געווארן:**

**איך בין געזעסן זייער נאנט צום רבי'ן און אים גוט באטראכט. איך האב געזען ווי דער רבי זאגט די ווערטער אויף וואס די תורה איז געבויט, "תשעה תקונין יקירין אתמסרו לדיקנא" - מיט אלע כוחות און גרויס דביקות און פארכט מיט טרייסלדיגע און**

ציטערדיגע תנועות. עטליכע מאל האט ער זייער שטארק אנגעכאפט זיין הייליגע בארד מיט'ן גאנצן כח.

עס איז אוממעגליך צו באשרייבן ווי אזוי עס האט אויסגעזען די פארכטיגע סצענע.

אינטערעסאנט איז, דער רבי האט עטליכע מאל אנטפלעקט אז איידער ער זאגט די ערשטע ווארט פון א תורה, שפירט ער ווי ער האלט ביים אויסגיין. דא, ביי די דאזיגע תורה, האב איך עס געזען מיט די אייגענע אויגן!

די תורה רעדט זיך פון דעם, אז איינער וויל לערנען תורה מיט אנדערע, מוז ער קודם אויסגיסן זיין הארץ מיט ווארעמע תפילות און בעטן רחמים ביים באשעפער, מיט ווערטער וואס זענען הייס ווי ברענעדיגע קוילן! ביז דער מקור פון תורה ווערט געעפנט און די תורה הייבט אן צו פליסן – "פתח צור ויזובו מים – ער האט געעפנט דעם שטיין און די וואסערן האבן ארויסגעפלייצט."

אויך ברענגט דער רבי דארט ארויס איבער די מורא'דיגע הייליגקייט פון ארץ ישראל און די וויכטיגקייט פון גלוסטן אנצוקומען אהין. דער רבי האט דאן געזאגט: "ווער עס וויל זיין א איד – דאס הייסט, ער וויל כסדר שטייגן פון איין מדרגה צום העכערן מדריגה, קען ער נאר מצליח זיין דורך קדושת ארץ ישראל, און דאס איז דער עיקר נצחון.

נאך די תורה, האט רבי נתן געפרעגט דעם רבי'ן, "וועלכע ענין פון ארץ ישראל מיינט דער רבי צו זאגן?"

דער רבי האט געענטפערט, "איך האב געמיינט ארץ ישראל אין פשוט'ן זין, מיט אירע הייזער און שטיינער."

דער רבי האט געזאגט אז יעדער איד דארף גיין קיין ארץ ישראל און אויב עס מאכן זיך שווערע מניעות, זאל מען גלוסטן און בענקען און האבן א רצון צו זיין אין ארץ ישראל כאטש איינמאל אין לעבן.

ביי אן אנדערע געלעגנהייט האט דער רבי געזאגט אז א איד וואס האט אן אמת'ער רצון צו זיין אין ארץ ישראל, דארף זיין גרייט צו גיין אפילו צופיס, אזוויאזוי אברהם אבינו האט געטון.

נאכ'ן פארענדיגן די תורה, האט דער רבי אויסגעפירט, "היינט האב איך גערעדט פון פייער און וואסער!"

רבי נתן האט דערציילט אז ווען ער האט געהערט דעם רבינ'ס תורה, האט ער געשפירט דינערן און בליצן אין זיין קאפ...

רבי נתן איז געווארן אנגעצינדן מיט א ברענעדיגע תשוקה און רצון צו פארן קיין ארץ ישראל. ער האט תיכף געוואלט פארן, אבער ער האט באזייטיגט דעם געדאנק, קלערנדיג, 'ווי אזוי קען איך פארלאזן דעם רבי'ן פאר אזא לאנגע תקופה?' אבער די גלוסטעניש דערצו איז אלעמאל געבליבן ביי אים אין הארץ, ביז זיבעצן יאר שפעטער, אין יאר תקפ"ב, ווען ער האט דאס ענדליך אויסגעפירט.

א גלוסטעניש וואס איז ממשיך עד היום הזה ביי יעדער ברסלב'ער חסיד אין הארצן...

# אויף וואס בעטן מיר?

גֶעבֶּעטְן אַבִּיסְל 'סְמָאלֶע' (אויל צוּ שְׁמִירְן רֶעדֶער פוּן וֶועגֶענֶער). יִשָּׂשכָר הָאט עֶס גֶערְן אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט פוּנֶעם מַאגַאזִין אוּן אִים עֶס גֶעגֶעבְּן.

"אִינְמִיטְן וֶועג הָאט פִּישְׁל דֶער בַּעַל עֲגָלָה אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט יִשָּׂשכָר אוּן גֶעפְרֶעגְט: 'וִויאַזוֹי פָּארְט דַיין וָואגְן אַזוֹי שְׁנֶעל?' הָאט יִשָּׂשכָר גֶעעֶנְטְפֶערְט: 'נַפְתָּלִי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אויל.' פִּישְׁל אִיז גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיךְ בֶּעטְן אויל. יִשָּׂשכָר הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוּן גֶעזָאגְט: 'אִיךְ פַארְקוֹיף דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין אויל...' הָאט פִּישְׁל גֶעפְרֶעגְט: 'אוֹיב אַזוֹי,

המשך פון די לעצטע זייט

פַארְוָואס הָאסְטוּ יָא גֶעגֶעבְּן פַאר נַפְתָּלִי?'

"הָאט יִשָּׂשכָר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: 'נַפְתָּלִי קוֹיפְט בַּיי מִיר שְׁטֶענְדִיג אַסַאךְ סְחוֹרָה. וֶוען עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַ טוֹבָה אִינְמִיטְן וֶועג, הָאבּ אִיךְ אִים גֶערְן גֶעהָאלְפְן. אָבֶּער אִיךְ טֵייל נִישְׁט קֵיין אויל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם...'

"אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט זַיין מָשָׁל: 'וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר צוּ בַּאקוּמֶען עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, קֶען אַמָאל אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַ יְשׁוּעָה אִין גַּשְׁמִיּוּת. אָבֶּער וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר נָאר פַאר גַּשְׁמִיּוּת, דָאס טֵייל אִיךְ נִישְׁט.' "



# סיפורי מעשיות משנים קדמוניות

## מַעֲשֶׂה יב' דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָה'

אִיז בַּיי זֵיי דִי [דָאזִיגֶע] זַאךְ, אַ 'וִוילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] חִידוּשׁ' גֶעוֶוען! - וָוארְן מֶען דֶערְקֶענְט, אַז דָאס אִיז אֱמֶת'ע רֵייד! - וָוארְן דָאס וֵוייסְט מֶען: אַז אוֹיף אַ 'לַאנְד-קַארְד' [מַאפֶּע] שְׁטֵייט אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] אַלֶע זַאכְן!

[אוֹיךְ] הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אֱמֶת"! - וָוארְן אַזוֹינְס קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְטְרַאכְטְן! - וָוארְן דָאס זֶעהְט מֶען זִיךְ: אַז מְ'קֶען צוּם-הוֹיף-נֶעמֶען [צוּנוֹיפְנֶעמֶען] 'צְוֵויי קְרִיצְן' פוּן דֶער 'הַאנְט' - וֶועט דֶערוֹיס [דֶערְפוּן] וֶוערְן 'אֵיין אוֹת'!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע זַאךְ"! - אוּן סְ'אִיז בַּיי זֵיי אַ 'וִוילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] חִידוּשׁ גֶעוֶוען!

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ אִיז עֶרְגֶעץ דֶער [אוֹיבֶּנְדֶערְמַאנְטֶער] 'מֶלֶךְ?! - טָאמֶער [אֶפְשַׁר] וֶועט עֶר אוּנְז וַוייזְן אַ 'וֶועג', וִוי [וִויאַזוֹי] מֶען זָאל גֶעפִינֶען 'גֶעלְט'"?!

הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נָאךְ [אַלְץ] וִוילְט אִיר 'גֶעלְט' (מִיט אַ 'לָשׁוֹן' וִוי אֵיינֶער פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ אוּן בֵּייזֶערְט זִיךְ)? פוּן 'גֶעלְט' שְׁמוּעֶסְט גָארְנִישְׁט!

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: "פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט, זָאג אוּנְז וואוּ דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז"?

הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵוייס אוֹיךְ נִישְׁט פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' וואוּ עֶר אִיז"!

[דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָה' דֶערְצֵיילְט זֵיי וַוייטֶער]: אוּן דִי 'מַעֲשֶׂה' אִיז אַזוֹי גֶעוֶועָן: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'מֶלֶךְ', מִיט אַ 'מַלְכָּה'! אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ 'בַּת-יְחִידָה'! אוּן סְ'גֶעקוּמֶען נָאנְט צוּ דֶער צַייט וָואס מְ'הָאט אִיר בַּאדַארְפְט 'חֲתוּנָה' צוּ מַאכְן.

הָאט מֶען גֶעזֶעצְט 'יוֹעֲצִים' [עֵצָה גֶעבֶּערְס], מֶען

זאָל אַ 'עֵצָה' הַאלְטְן, וועמען מֶען זאָל איר געבּן [ווער עֶס איז רָאוּי צוּ 'חֲתוּנָה' הָאבּן מיט איר]! אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אוֹיךְ גֶעוֶוען צְוִוישְׁן די 'יוֹעֲצִים' (דְהַיְינוּ: דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָה' וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ פַאר זַיי) – וָוארְן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט מִיךְ לִיבּ גֶעהַאט!

אִיז מַיין 'עֵצָה' גֶעוֶוען: "אַז מֶען זאָל איר געבּן 'דֶעם [חֲתוּנָה מַאכְן מִיטְן] גִבּוֹר'! – וָוארְן דֶער 'גִבּוֹר' הָאט אוּנְז גֶעטָאן 'כַּמָה טוֹבוֹת', וָוארְן עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען 'כַּמָה מְדִינוֹת'! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] קֶער מֶען [אִיז רָאוּי] אִים צוּ גֶעבְּן די 'בַּת-מַלְכָּה' פַאר אַ 'וַוייבּ'"!

אִיז מַיין 'עֵצָה' זֵייעֶר גֶעפֶעלְן! – אוּן זֵיי הָאבְּן אַלֶע דֶערוֹיף מַסְכִּים גֶעוֶוען! – אוּן סְ'אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ 'גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה', [אוֹיף דֶעם] וָואס מֶען הָאט גֶעפִינֶען אַ 'חָתָן' צוּ דֶער 'בַּת-מַלְכָּה'!

הָאט מֶען די 'בַּת-מַלְכָּה' חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, מִיט דֶעם 'גִבּוֹר'! הָאט די 'בַּת-מַלְכָּה' גֶעהַאט אַ 'קִינְד'!

אוּן דָאס 'קִינְד' אִיז גֶעוֶוען, זֵייעֶר אַ 'וְוילְד-גְרוֹיסֶער פַּארְשׁוֹין' [יְפֵה-תּוֹאַר; שֵׁיין גֶעשְׁטַאלְט], וָואס סְ'אִיז גָאר קַיין 'מֶענְטְשְׁלִיךְ שֵׁיינְקַייט' נִישְׁט גֶעוֶוען! – אוּן זַיינֶע 'הָאר' זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן 'גָאלְד', אוּן הָאבְּן גֶעהַאט אַלֶע-עֶרְלֵיי 'פַארְבְּן'! – אוּן זַיין 'פָּנִים' אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי-ווִי די זוּנֶען [שֵׁיין פוּנֶעם זוּן]! – אוּן זַיינֶע 'אוֹיגְן' זֶענֶען גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע 'אוֹרוֹת' (כְּלוֹמַר: לֶעכְטְן [לִיכְטִיגְקַייטְן])!

אוּן דָאס 'קִינְד' אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט 'גְרֵייטֶער [פַּארְטִיגֶע] חָכְמָה'! – וָוארְן מֶען הָאט אִין אִים גֶעזֶעהְן תֵּיכֶּף ווִי עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן: "אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַ 'גְרֵייטֶער [פַּארְטִיגֶער] חָכָם'"! וָוארְן אַז 'מֶענְטְשְׁן' הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט – [אִיז] דָארְטְן וואוּ מְ'הָאט בַּאדַארְפְט לַאכְן, הָאט עֶר גֶעלַאכְט! – אוּן אַזוֹי דֶערְסְטְגַלֵייכְן אַנְדֶערֶע זַאכְן!

[ווייל] מְ'הָאט אִין אִים דֶערְקֶענְט: "אַז עֶר אִיז [שׁוֹין] אַ 'גְרוֹיסֶער חָכָם'"! – נָאר [אַז] עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט די 'תְּנוּעוֹת' [בַּאוֶועגוּנְג] פוּן אַ 'גְרוֹיסְן'! – דְהַיְינוּ: [אַז] עֶר קֶען נָאךְ נִישְׁט 'רֶעדְן'! אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע זַאכְן! – אָבֶּער דָאס הָאט מֶען אָנְגֶעזֶעהְן תֵּיכֶּף: "אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַ 'גְרוֹיסֶער חָכָם'"!

אוּן בַּיי דֶעם 'מֶלֶךְ', אִיז גֶעוֶוען אַ 'מֵלִיץ'! דְהַיְינוּ: אַ 'רֶעדֶער', אַ 'בַּעַל לָשׁוֹן וּמְלִיצָה' – וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט רֶעדְן 'זֵייעֶר שֵׁיינֶע רֵייד', 'זֵייעֶר שֵׁיינֶע שְׁפְּרַאכְן', אוּן 'שִׁירוֹת', אוּן 'תּוּשְׁבָּחוֹת' – צוּם 'מֶלֶךְ'!

אוּן דֶער 'מֵלִיץ', אִיז [פוּן זִיךְ] אַלֵיין אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ 'שֵׁיינֶער מֵלִיץ'! – נָאר דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אִים גֶעווִיזְן דֶעם 'שְׁלַייךְ' אוּן דֶעם 'וֶועג', פוּן וַואנֶען עֶר זָאל [אַרוֹיפְגֵיין, צוּ] נֶעמֶען דֶעם 'כֹּחַ' פוּן דֶער 'חָכְמָה פוּן מְלִיצָה'! – אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוֶוען: "זֵייעֶר אַ 'ווִילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] גְרוֹיסֶער מֵלִיץ'"!

ווִידֶער הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעהַאט אַ 'חָכָם'! אוּן דֶער 'חָכָם', אִיז [פוּן זִיךְ] אַלֵיין אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ 'חָכָם'! – נָאר דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אִים גֶעווִיזְן אַ 'וֶועג', פוּן וַואנֶען עֶר זָאל [אַרוֹיפְגֵיין, אוּן] נֶעמֶען 'חָכְמָה'! – אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוֶוען: "זֵייעֶר אַ 'ווִילְד [וואוּנְדֶערְלִיכְן] גְרוֹיסֶער חָכָם'"!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דֶער 'גִבּוֹר', אִיז גֶעוֶוען [פוּן זִיךְ] אַלֵיין אַ 'גִבּוֹר'! נָאר דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אִים גֶעווִיזְן דֶעם 'וֶועג', פוּן וַואנֶען עֶר זָאל [אַרוֹיפְגֵיין, אוּן] נֶעמֶען 'גְבוּרָה'! – אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוֶוען: "זֵייעֶר אַ 'ווִילְד [וואוּנְדֶערְלִיכְן אוּן פָארְכְטִיגְן] גְרוֹיסֶער גִבּוֹר'"!

וָוארְן סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] אַ 'שְׁוֶוערְד', וָואס זִי הֶענְגְט אִין דֶער 'לוּפְטְן'! אוּן די [דָאזִיגֶע] 'שְׁוֶוערְד', הָאט 'דְרֵיי כּוֹחוֹת'!

אַז מְ׳הֵייבְּט אוֹיף דִי ׳שְׁוֶועְרְד׳ – אַזוֹי [דַאן] צוּלוֹיפְן זִיךְ אַלֶע ׳עֶלְטְסְטֶע׳ [אַלֶע שָׂרִים] פוּן דֶעם ׳חַיִל׳ [מִילִיטֶער]!

הָאבְּן זֵיי שׁוֹין מְמֵילָא אַ ׳מַפָּלָה׳ (דְהַיְינוּ: דִי ׳שׂוֹנְאִים׳)! – וָוארְן אַז דִי ׳עֶלְטְסְטֶע׳ [שָׂרִים] אַנְטְלוֹיפְן, הָאט [קֶען] קֵיינֶער נִישְׁט צוּ פִירְן דִי ׳מִלְחָמָה׳ – הָאבְּן זֵיי שׁוֹין בְּוַודְאַי אַ ׳מַפָּלָה׳!

נָאר פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט – וָואלְטְן אֶפְשַׁר פָארְט דִי אִיבְּרִיגֶע, גֶעקֶענְט עֶפֶּעס נָאךְ ׳מִלְחָמָה׳ הַאלְטְן.

הָאט אָבֶּער דִי ׳שְׁוֶועְרְד׳: ׳צְוֵויי שַׁארְפְן׳! אוּן זֵיי הָאבְּן: ׳צְוֵויי כּוֹחוֹת׳! – דוּרְךְ ׳אֵיין שַׁארְף׳, פַאלְן זֵיי אַלֶע! – אוּן דוּרְךְ דֶער ׳אַנְדֶערֶער שַׁארְף׳, קְרִיגְן זֵיי דִי ׳דַאר׳ (דְהַיְינוּ: דִי ׳שׂוֹנְאִים׳ וָואס מֶען הַאלְט מִיט זֵיי ׳מִלְחָמָה׳), דְהַיְינוּ: זֵיי וֶוערְן ׳מָאגֶער׳, אוּן דָאס ׳לֵייבּ׳ [קֶערְפֶּער] פַאלְט זֵיי אָפּ, אַזוֹי־וִוי דִי [דָאזִיגֶע] ׳קְרֶענְק׳ אִיז רַחֲמָנָא־לִיצְלָן!

אוּן נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס מְ׳טוּט אַ מַאךְ מִיט דֶער ׳שְׁוֶועְרְד׳ דָארְט וִוי זִי אִיז – קְרִיגְן שׁוֹין דִי ׳שׂוֹנְאִים׳, דִי זַאכְן הַנַ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – דְהַיְינוּ: דוּרְכְדֶעם וָואס מְ׳מַאכְט מִיט ׳דֶער שַׁארְף׳, הָאבְּן דִי ׳שׂוֹנְאִים׳ גָאר אַ ׳מַפָּלָה׳! – אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס מְ׳מַאכְט מִיט דֶער ׳אַנְדֶערֶער שַׁארְף׳, קְרִיגְן דִי ׳שׂוֹנְאִים׳ דִי ׳דַאר׳, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אוּן דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט גֶעוִויזְן דֶעם ׳גִבּוֹר׳: דֶעם ׳וֶועג׳ וָואס סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] צוּ דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] ׳שְׁוֶועְרְד׳! – אוּן פוּן דָארְט הָאט עֶר גֶענוּמֶען זַיין גְרוֹיסֶע ׳גְבוּרָה׳!

אוּן מִיר [דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳] הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אוֹיךְ גֶעוִויזְן דֶעם ׳וֶועג׳, פוּן וַואנֶען אִיךְ זָאל נֶעמֶען מַיין זַאךְ! – הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען פוּן דָארְט, דָאס וָואס אִיךְ בַּאדַארְף! (כְּלוֹמַר: דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳ וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״אַז אִים הָאט אוֹיךְ דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעוִויזְן דֶעם ׳וֶועג׳, פוּן וַואנֶעט עֶר זָאל נֶעמֶען זַיין זַאךְ, דְהַיְינוּ: ׳תְּפִילָה׳״)!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעהַאט אַ ׳אוֹהֵב־נֶאֱמָן׳! (כְּלוֹמַר: אַ ׳גוּטְן פְרַיינְד׳ אַ ׳גֶעטְרֵייעֶן׳) וָואס עֶר הָאט זִיךְ לִיבּ גֶעהַאט מִיט דֶעם ׳מֶלֶךְ׳, מִיט ׳זֵייעֶר גְרוֹיס [וואוּנְדֶערְלִיכֶע אוּן פָארְכְטִיגֶע] לִיבְּשַׁאפְט׳!

זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי [שְׁטַארְק] לִיבּ גֶעהַאט – בִּיז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין, אֵיינֶער אָן דֶעם אַנְדֶערְן, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אַ ׳שָׁעָה׳ נִישְׁט זֶעהְן!

נָאר סְ׳אִיז זִיךְ אָבֶּער פָארְט פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] צַייט [אַזֶעלְכֶע שָׁעוֹת], וָואס מְ׳מוּז נִישְׁט זַיין אִינְאֵיינֶעם – הָאבְּן זֵיי [דֶערִיבֶּער] גֶעהַאט ׳פַּאטְרֶעטְן׳ [בִּילְדֶער] – וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] זֵייעֶרֶע בֵּיידֶע ׳צוּרוֹת׳! – פְלֶעגְן זֵיי זִיךְ מְשַׁעֲשֵׁעַ זַיין (כְּלוֹמַר: ׳תַּעֲנוּג׳ אוּן ׳נַחַת׳ הָאבְּן [זִיךְ טְשַׁאטְשְׁקֶענֶען]) מִיט דִי ׳צוּרוֹת׳, דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעהְן!

אוּן דִי ׳צוּרוֹת׳ זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן], אַזוֹי־וִוי דֶער ׳מֶלֶךְ׳ מִיט דֶעם ׳אוֹהֵב־נֶאֱמָן׳ הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, אוּן וִוי זֵיי קוּשְׁן זִיךְ אוּן הַאלְזְן זִיךְ מִיט ׳גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט׳!

אוּן דִי [דָאזִיגֶע] ׳פַּאטְרֶעטְן׳, הָאבְּן אִין זִיךְ אַ ׳סְגוּלָה׳ גֶעהַאט: אַז וֶוער סְ׳הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי ׳צוּרוֹת׳, הָאט עֶר גֶעקְרִיגְן ׳גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט׳! (כְּלוֹמַר: דִי מִידָה פוּן ׳אַהֲבָה׳ הָאט מֶען גֶעקְרִיגְן אַז [וֶוען] מְ׳הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי ׳צוּרוֹת׳).

אוּן דֶער ׳אוֹהֵב־נֶאֱמָן׳ – הָאט אוֹיךְ גֶענוּמֶען דִי ׳אַהֲבָה׳ (דְהַיְינוּ: דָאס ׳לִיבְּשַׁאפְט׳) – פוּן דֶעם ׳אָרְט׳ וָואס דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט אִים גֶעוִויזְן!

אִיז גֶעקוּמֶען אַ צַייט – וָואס דִי אַלֶע [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע], זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִיטְלֶעכֶער אִין זַיין ׳אָרְט׳ אַרַיין – אַז עֶר זָאל דָארְט נֶעמֶען זַיין ׳כֹּחַ׳ פוּן זַיין זַאךְ – דְהַיְינוּ: דֶער ׳מֵלִיץ׳, אוּן דֶער ׳גִבּוֹר׳, אוּן דִי ׳אַלֶע לַייט׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ – אִיז אִיטְלֶעכֶער גֶעגַאנְגֶען אִין זַיין ׳אָרְט׳ אַרַיין, עֶר זָאל דָארְט בַּאנֵייעֶן זַיין כֹּחַ!

נאמ: ____________



# לאמיר זיך פארהערן

## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (7)

**א. האבן זיי געגלייבט דעם בעל תפלה? - און פארוואס?**
- ❑ זיי האבן פארשטאנען אז ס'איז אמת וויל מ'קען זיך אזוינס נישט אויס טראכטן
- ❑ זיי האבן בכלל נישט געגלייבט וויל ער רעדט קעגן זייער אמונה
- ❑ זיי האבן בכלל נישט צוגעהערט וואס ער האט געענטפערט

**ב. וואס האט ער זיי געענטפערט ווען זיי האבן אים געפרעגט וואו איז דער קעניג אפשר קען מען ביי אים באקומען געלד?**
- ❑ פון געלד שמועסט גארנישט
- ❑ אז ס'איז שווער אנצוקומען צו אים
- ❑ אז געלד איז נישט דער תכלית

**ג. וועלכע סארט האר האט געהאט די טאכטער פון בת מלכה?**
- ❑ פון גאלד
- ❑ אלע קאלירן
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וויאזוי איז דער גבור געווען שטארק?**
- ❑ פון זיך אליין
- ❑ דער מלך האט אים געוויזן פון וואו ער זאל נעמען גבורה
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. פון וואו האט דער גבור געוואוסט פון דעם שווערד?**
- ❑ ער האט אליין געהאט אזא שווערד
- ❑ דער קעניג האט אים געוואוזן דעם וועג צום שווערד
- ❑ דער בעל תפלה האט אים געוואוזן דעם וועג צום שווערד

**ו. וויאזוי האבן די אוהב נאמן און דער מלך אויסגעהאלטן אין די צייט וואס זיי קענען נישט זיין צוזאמען?**
- ❑ זיי האבן אינגאנצן מסיח דעת געווען איינער פון צווייטן
- ❑ זיי זענען אייביג געווען צוזאמען
- ❑ זיי האבן געהאט פאטרעטן וואס איז געווען אויסגמאלט זייערע ביידע צורות האבן זיי זיך דעמאלט משעשע געווען מיט דעם

**ז. וואספארא סגולה האבן געהאט די פאטרעטין?**
- ❑ אז ווער ס'האט געקוקט אויף דעם איז געהאלפן געווארן מיט קינדער
- ❑ אז ווער ס'האט געקוקט אויף דעם האט באקומען די מדה פון אהבה
- ❑ אז ווער ס'האט געקוקט אויף דעם איז געהאלפן געווארן מיט עשירות

**ח. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**מיט וועלכע זאך האט דער בעל תפילה משמש געווען ביים מלך ?**

**וועמען פון די אנשי המלך האט דער מלך ליב געהאט ?**

א שאלה זכות: ווער עס קען די המש ווער פון די אנשי המלך ווערט נישט דערמאנט דא ?

### תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (6)

וואספארא זאך האט דער בעל תפילה געזאגט פאר די מענטשן פון די מדינה של עשירות – און דער רבי דערציילט דאס צוויי מאל די וואך און פאריגע וואך ? סֶע אִיז אַ יָחִיד בָּרוּךְ הוּא פַאר הַאנְדִין דְהַיינוּ דֶער בּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ וָואס עֶר הָאט אַלֶע בַּאשַׁאפִין נָאר אִים בַּאדַארְף מֶען דִינֶען

וועמען האבן די מענטשן פון די מדינה פון עשירות געהאלטן ביי זיך. און זיי האבן אים נישט געוואלט אוועקלאזן ? דער בעל תפילה

**דער געווינער אויף 'בעל תפלה' 6 איז הילד היקר שלמה שנעבאלג כתה ו, בני ברק**

**ב"ה אז דער טעלעפאן ליין ארבעט שוין און מען קען שוין מאכן די בחינות, רופט**

**646-585-3040 02-5-3333-72**

# אויף וואס בעטן מיר?

דֶער בַּעַל תְּפִילָּה הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁרָאקְן צוּ זָאגְן דֶעם אֱמֶת פַאר דִי שָׂרִים אִין פָּנִים אַרֵיין. עֶר הָאט מִיט אַ פְּלַאם אַרָאפְּגֶערִיסְן דִי תַּאֲוָה פוּן עֲשִׁירוּת אוּן קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

דִי שָׂרִים זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁטַארְק אִיבֶּערְרַאשְׁט, וַוייל מְ'הָאט קְלָאר גֶעזֶען אַז עֶר רֶעדְט דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת. הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ אִיז דֶער קֶענִיג וָואס דוּ רֶעדְסְט פוּן אִים? אֶפְשָׁר קֶען עֶר אוּנְז וַוייזְן דֶעם וֶועג וִויאַזוֹי מְ'טְרֶעפְט עֲשִׁירוּת?" דֶער בַּעַל תְּפִילָּה הָאט גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט וואוּנְדֶער: " "נָאךְ אַלְץ ווִילְט אִיר 'גֶעלְט'?, פוּן 'גֶעלְט' שְׁמוּעֶסְט גָארְנִישְׁט".

עֶס זֶענֶען פַארְהַאן מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע זֶענֶען דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי קֶענֶען אִים נִישְׁט אוּן פִילְן זִיךְ נִישְׁט פַארְבּוּנְדְן מִיט אִים. וֶוען זֵיי קוּמֶען עֶנְדְלִיךְ יָא צוּ דִי הַכָּרָה אוּן כַאפְּן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס בֶּעטְן זֵיי פוּן אִים? אַז עֶר זָאל זֵיי עֶרְפִילְן זֵייעֶרֶע תַּאֲוֹות אוּן נַארִישְׁקַייטְן?! אוּנְזֶער גַאנְצֶער צִיל פוּן אַנֶערְקֶענֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָאךְ דָאס אַלֵיינְס - צוּ וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ תַּכְלִית פַארְוָואס מִיר זֶענֶען אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט: צוּ וֶוערְן בֶּעסֶערֶע מֶענְטְשְׁן, זִיךְ אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן דִי מִידּוֹת אוּן טוּן חֶסֶד פַאר אַנְדֶערֶע, לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן הִיטְן דִי מִצְוֹות מִיט שִׂמְחָה.

דָאס "לַאנְד פוּן עֲשִׁירוּת" אוּן אִירֶע שָׂרִים הָאבְּן שׁוֹין יָא מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער - אַ מֶלֶךְ.

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מרדכי בירנהאק הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב



אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ גֶעפְרֶעגְט: "נוּ, זָאל עֶר אוּנְז שׁוֹין מְגַלֶּה זַיין וואוּ סְ'אִיז דָא עֲשִׁירוּת..." דָאס אִיז פּוּנְקְט דָאס פַארְקֶערְטֶע פוּנֶעם אֱמֶתְ'ן תַּכְלִית. דָאס אִיז מַמָּשׁ קֶעגְן דֶעם גַאנְצְן צִיל.

חוֹל הַמּוֹעֵד זֶענֶען נָתָן אוּן מָרְדְּכַי'לֶע גֶעזֶעסְן אוֹיף אַן אוֹיטָאבּוּס אוֹיפְן וֶועג קַיין יְרוּשָׁלַיִם. מָרְדְּכַי'לֶע, וָואס אִיז גֶעוֶוען עֶלְטֶער, הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר נָתָן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִילָּה. נָתָן הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט מִיט גְרוֹיס אִינְטֶערֶעס. וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם חֵלֶק וואוּ דִי שָׂרִים הָאבְּן שׁוֹין יָא אַנֶערְקֶענְט אִינֶעם מֶלֶךְ אָבֶּער הָאבְּן גְלַייךְ גֶעוָואלְט עֶר זָאל זֵיי וַוייזְן וואוּ מְ'טְרֶעפְט עֲשִׁירוּת, הָאט מָרְדְּכַי'לֶע זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ נָתָן מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן גֶעזָאגְט: "דָאס דֶערְמַאנְט מִיךְ דָאךְ דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי 'סְמָאלֶע' וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט! קוּם, אִיךְ וֶועל דִיר עֶס דֶערְצֵיילְן:"

נָתָן אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶענוּמֶען. עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן צוּ מָרְדְּכַי'לֶע אוּן זִיךְ גוּט אַיינְגֶעהֶערְט.

"נַפְתָּלִי אִיז גֶעוֶוען אַ סוֹחֵר פוּן שְׁטָאף. יֶעדֶע פָּאר חוֹדֶשׁ פְלֶעגְט עֶר פָארְן צוּ יִשָּׂשכָר, דֶער גְרוֹיסֶער הֶענְדְלֶער, וואוּ עֶר פְלֶעגְט קוֹיפְן אַ גֶעוַואלְד מִיט סְחוֹרָה, צֶענְדְלִיגֶער סָארְטְן שְׁטָאף אִין אַלֶע קָאלִירְן.

"אֵיין מָאל, נָאכְן אוֹיפְלָאדֶענֶען דִי סְחוֹרָה אוֹיפְן וָואגְן, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן. פְּלוּצְלִינְג בַּאמֶערְקְט עֶר אַז דָאס פֶערְד מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ שְׁלֶעפְּן דֶעם וָואגְן. עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעכַאפְּט אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט. עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט אַרוּם דֶעם וָואגְן, אוּן וָואס זֶעט עֶר? אֵיינֶער פוּן דִי רֶעדֶער דַארְפְן אוֹיל. נַפְתָּלִי אִיז צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ יִשָּׂשכָר דֶער סוֹחֵר אוּן

המשך אויף זייט 4